# גליון הישיבה

יד"ל ע"י תלמידי
**ישיבה תפארת משולם פייש ד'טאהש**
טשעסטער, נ.י. יע"א
**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

ב

**פרשת מקץ | חנוכה | א' דראש חודש טבת תשפ"ג**


## מדורי ותוכן הענינים


**מדור עניני דיומא**
א תירוץ אויפן בית יוסף'ס קשיא

**מדור שולחן השבת**
דברי תורה צו זאגן ביים שבת טיש

**מדור חידות והיכי תמצא**
פארשידענע חידות און היכי תמצא וועלכע
זענען נוגע די פרשה פון די וואך און עניני דיומא

**מדור יומא דהילולא דצדיקיא**
מעשיות און עובדות פון צדיקים
וועלכע זייער יארצייטן געפאלן די וואך

**מדור רבותינו הקדושים**
קטע מיוחד מתורתו של רבותינו
הקדושים זי"ע בפרשת השבוע

**מדור מאורעות וענינים שבין כותלי פון ישיבתינו הקדושה**
פארשידענע נייעסן, געשעענישן, אריפטועץ און באריכטן
אין און ארום די הייליגע ווענט פון די ישיבה

**מילתא דבדיחותא**
בענינא דיומא


## מדור עניני דיומא

### א תירוץ אויפן בית יוסף'ס קשיא

דער רבינו בחיי ברענגט אין נאמען פון חז"ל אויפן פסוק ויותר יעקב לבדו, אל תקרא 'לבדו' אלא 'לכדו'.

אין ספר **'שפתי כהן'** על התורה (א תלמיד פון **דער הייליגער אריז"ל**) שטייט, איך האב געפינען שטיין (אין א מדרש פון חז"ל), פון וואו איז אהינגעקומען דער קריגל (און אויך די אויל, וועלכע זענען פלוצים אפיר געקומען, ווי עס שטייט אין פסוק **וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר וַיִּקַּח אֶת הָאֶבֶן אֲשֶׁר שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה וַיִּצֹק שֶׁמֶן עַל רֹאשָׁהּ**, אליפז האט דאך אים אלעס צוגענומען), נאר ווען יעקב איז אויפגעשטאנען האט ער געזען ווי אלע שטיינער ארום זיין קאפ איז געווארן איין שטיין, און דערביי איז געשטאנען אויך א קריגל אויל, און ער האט געגאסן פון דעם קריגל אויל אויף די מזבח, און דער קריגל איז נישט געווארן אויסגעליידיגט, נאר האט זיך כסדר צוריק אנגעפילט. און פאר אט דעם קריגל איז יעקב צוריק געגאנגען, ווייל ער האט נישט געוואלט דאס איבער לאזן, וויסנדיג אז עס איז א ספעציעלער געבענטשער קריגל, און דעריבער שטייט 'ויותר יעקב לבדו-לכדו'. און מיט אט דעם קריגל האט מען שפעטער געזאלבט דעם משכן און אלע כלים, די מזבח, אהרן הכהן און אלע אידישע קעניגן.

און אין ספר **ברכת שמואל** (פונעם גרויסן גאון **רבי אהרן שמואל קיידענאווער** זצ"ל, דער פאטער פונעם מחבר ספר **קב הישר**), פרשת מקץ, ברענגט ער אט די ווערטער פונעם ספר ש"ך על התורה, און ער לייגט צו, 'עס איז ביי מיר פשוט אז אט די קריגל איז דער קריגל וואס די בני החשמונאי האבן געפינען מיטן זיגל פונעם כהן גדול'.

לויט דעם איז פארשטענדליך פארוואס דער ערשטער טאג איז אויך א יום טוב, צוליב די גרויסע נס אז מען האט געפינען דעם הייליגן קריגל פון יעקב אבינו.

### נאך א תירוץ

אין די **גמרא** (שבת כא:) שטייט, ולא היה בו אלא להדליק יום אחד. אין ספר שאילתות דר' אחאי גאון שטייט, ולא היה בו להדליק אפילו ליום אחד (און לויט דער שאילתות איז באמת נישט שווער דער בית יוסף קשיא). איז דאך לכאורה א סתירה פון די גמרא צו די שאילתות דרבי אחאי גאון, נאר ס'קען זיין אז דאס וואס די גמרא זאגט 'ולא היה בו אלא להדליק יום אחד' מיינט צו זאגן, אז ס'איז נאר געווען גענוג פאר איין טאג, אבער נישט פאר אלע שבעה קני המנורה, נאר פאר איין קריגל, ד"ה ס'איז נאר געווען א חצי לוג אינם פך של שמן, און ווען מען האט געענדיגט אויסלערן דעם חצי לוג, האט מען ווייטער פרובירט, און מען האט אנגעפילט אלע זיבן קני המנורה. קומט אויס אז די גמרא וואס זאגט 'ולא היה בו אלא להדליק יום אחד' מיינט פאר איין קריגל, און דער שאילתות דרבי אחאי גאון וואס זאגט 'ולא היה בו להדליק אפילו ליום אחד', רעדט פון אלע שבעה קני המנורה, במילא איז שוין נישט דא קיין סתירה פון די גמרא צו שאילתות דר' אחאי גאון, און עס איז אויך פארענטפערט דער בית יוסף'ס קשיא.

# מדור שולחן השבת

## וַיִּקְרָא יוֹסֵף אֶת שֵׁם הַבְּכוֹר מְנַשֶּׁה כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים אֶת כָּל עֲמָלִי וְאֵת כָּל בֵּית אָבִי:

די מפרשים פרעגן ווי אזוי האט יוסף א נאמען געגעבן פאר מנשה'ן 'כי נשני אלקים ... ואת כל בית אבי', וויאזוי איז דאס מעגליך אז יוסף האט געוואלט פארגעסן פון זיין הייליגע פאטער יעקב'ס הויז?.

ענטפערט דער הייליגער אמרי יוסף זצ"ל, מיט אן הקדמה פון די הייליגע ווערטער פון רבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל, ווי עס שטייט אין זיין הייליגער ספר נועם אלימלך (אגרת הקודש) אויפן פסוק 'ושכחי עמך ובית אביך ויתאו המלך יפיך': אויב דו וועסט פארגעסען אז דו ביסט א קינד פון צדיקים און דו ביסט א 'יחסן', און דו וועסט זיך נישט פארלאזן אויף די זכות פון דיינע אבות הק', נאר דו וועסט אליין הארעווען, דאן 'ויתאו המלך יפיך' וועט דער אייבערשטער ליעב האבן דיין שיינקייט. דאס איז איין הקדמה.

נאך אן הקדמה, —שרייבט דער אמרי יוסף- איך האב געהערט אין נאמען פון הצדיק הקדוש דער ראזלער רב (רבי יהודה צבי, איידעם און פלומעניק פונעם הייליגן עטרת צבי) זצ"ל, אויף דעם וואס מיר זאגן אין מוסף פון ראש השנה 'כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם' דער אייבערשטער געדענקט אלע פארגעסענע זאכן, ווייל דער אייבערשטער געדענקט אלעס וואס דער מענטש פארגעסט, און אויב א מענטש טוט א מצוה, און ער געדענקט גוט אז ער האט געטון די מצוה, דאן געדענקט עס 'נישט' דער אייבערשטער, נאר אויב דער מענטש פארגעסט פון די גוטע מעשים וואס ער האט געטון, דאן געדענקט עס דער אייבערשטער 'יא'.

אזוי אויך ווען א מענטש איז ח"ו עובר אויף אן עבירה, און ער געדענקט גוט די עבירה וואס ער האט געזינדיגט, און ער איז מקיים דעם פסוק 'וחטאתי נגדי תמיד' ער געדענקט אז ער האט דערצערענט דעם אייבערשטן, און דאס טוט אים וויי, דאן פארגעסט כביכול דער אייבערשטער פון דעם חטא. אבער אויב האט דער מענטש געזינדיגט, און ער פארגעסט שנעל אז ער האט געזינדיגט פארן אייבערשטן, דאן געדענקט דער אייבערשטער זיין זינד ח"ו. און דאס מיינט 'כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם' נאר די פארגעסענע זאכן געדענקט דער אייבערשטער כביכול.

און דעריבער האט יוסף הצדיק געזאגט 'כי נשני אלקים את כל עמלי', אלעס וואס איך האב זיך געפלאגט פארן אייבערשטן און מקיים געווען זיינע מצוות מיט פיל מיה און פלאג, דאס אלעס איז פון מיר פארגעסען געווארן, און אויך 'ואת כל בית אבי' מיין גאנצע יחוס פון מיינע הייליגע אבות דאס אלעס האב איך פארגעסען, און איך האב מיך נישט פארלאזט אויף זייער זכות, נאר אליין געהארעוועט.

און דעריבער האט אים דער אייבערשטער געדענקט און געהאלפען ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק, כי הפרני אלקים בארץ עניי.

## ואין לנו רשות להשתמש בהם אלא לראותם בלבד - דורכן קוקן אויף די הייליגע נרות חנוכה איז מען מתקן די אויגן

דער הייליגער **אריז"ל** זאגט, אז דורך דער חטא פון אדם הראשון זענען נתקלקל געווארן די חושים פונם מענטש (ווי ס'שטייט אין פסוק **'ותרא' האשה כי טוב העץ למאכל ותאוה היא 'לעינים'** -חוש הראייה-, **ולאדם אמר כי 'שמעת' לקול אשתך** -חוש השמיעה-, **'ותקח' מפריו 'ותאכל' 'ותתן' גם לאישה עמה 'ויאכל'** -חוש המישוש וחוש הטעם-), און מ'מיז זיי מתקן זיין, די פינף חושים זענען, חוש הראייה, חוש השמיעה, חוש הטעימה, חוש המישוש, און חוש הריח, און דער הייליגער אריז"ל זאגט אז דער איינציגסטער חוש וואס איז נישט נתקלקל געווארן איז דער חוש הריח (און דאס איז געווען דער טעות פון המן הרשע ווען 'הפיל פור הוא הגורל' אויף חדש אדר, וואס דער חודש איז קעגן דער חוש הריח, און אין דעם חודש איז נישט דא קיין שום חטא, דעריבער האט ער נישט געהאט קיין שליטה אויף די אידן).

און בדרך אפשר קען מען זאגן, אז יעדער יום טוב איז קעגן איינע פון די חושים, און איז דאן די צייט זיי מתקן צו זיין. פסח, איז שייך דער חוש הטעם, ווייל פסח איז דער איינציגסטער צייט ווען מ'דארף עסן מן התורה (די כזית מצה). שבועות, איז שייך דער חוש השמיעה, ווייל די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, און געהערט די עשרת הדברות. סוכות איז שייך דער חוש המישוש, ווי ס'שטייט ולקחתם לכם, ס'דארף זיין א לקיחה תמה, און ס'טאר נישט זיין קיין שום הפסק צווישן די ד' מינים און די האנט. חנוכה איז שייך דער חוש הראייה, ווי מיר זאגן 'אלא לראותם בלבד', ס'איז א מצוה צו קוקן אויף די הייליגע חנוכה ליכט.

פון צווישן אלע חושים, איז דער חוש הראייה דער שטערקסטער, דער אויג פונם מענטש קען זיין א ווייטקייט פון טריליאנען מייל, כמעט אין סוף. פון דעם קען מען זען דאס גרויסקייט וואס די חוש הראייה באזיצט.

אין ספר הקדוש **אור יצחק** פון הרה"ק **רבי יצחק ראדווילער**, שטייט, אז די אויגן איז דער איינציגער אבר וועלכער איז כולו רוחני, און דאס זעט מען באשיינפירליך, ווען עס גייט אריין א משהו שטויב אין די אויגן, שטערט דאס דעם מענטש, ווייל די אויגן זענען כולו רחוני און זענען נישט סובל אפילו א טראפן גשמיות, ווייל די פלאץ פון די הייליגע נשמה איז אין די אויגן פונם מענטש.

ספר הקדוש **עבודת ישראל** איז מפרש וואס חז"ל זאגן (שבת כא:) אויף די שיעור פון זמן הדלקת נר חנוכה, איז ביז דכליא רגלא דתרמודאי, ביז די תרמודאים ענדיגן גיין, לכאורה וואס האבן מיר מיט די תרמודאים. ברענגט דער הייליגער קאזשניצער מגיד וואס די גמרא פארציילט, איבער די מענטש וועלכער האט געוואלט אויפרעגן הלל הזקן, און צווישן זיינע שאלות האט ער אים געפרעגט פארוואס זענען די אויגן פון די תרמודאים אזוי געמיין, האט אים הלל געענטפערט,

# מדור הילולא דצדיקיא

## הרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע

**כ"ז כסלו יומא דהילולא של הרה"ק בעל באר מים חיים. נולד לאביו רבי שלמה בשנת תק"כ. רבו המובהק הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב, וכן תלמידו של הרה"ק המגיד ממעזריטש זצ"ל. שימש ברבנות מאהילוב, בוטושאן, קישינוב, טשערנאוויץ, ובסוף ימיו בשנת תקס"ז עלה לארץ ישראל והתיישב בעיה"ק צפת יע"א, שם נטמן במערה בבית החיים העתיק. ספריו הקדושים, באר מים חיים, שער התפלה, סידורו של שבת וספר ארץ החיים על מס' ברכות. נפטר כ"ז כסלו שנת תקע"ג.**

הרה"ק רבי מאיר"ל פרימישליאנער זי"ע דערציילט אז זיין רבי דער הייליגער בעל באר מים חיים האט געהאט א זון וועלכער איז נישט געגאנגען בדרך הישר, און דאך פלעגט ער אים נישט מרחק זיין פון זיך, נאר אדרבה ער האט אים גאר געגעבן אויף אלע זיינע הצטרכות'ן, געגעבן צו עסן און טרינקען, און כסדר אים געשיקט מתנות, און ווען זיין זון פלעגט אהיים געקומען שפעט אין דער נאכט, האט אים זיין הייליגער פאטער צוגעדעקט מיט א ווארעמע דעקע, ס'זאל אים נישט זיין קאלט, דערביי פלעגט ער גאנץ אפט אויפהויבען די אויגען צום הימעל און זאגען, רבונו של עולם זיי דיך נוהג מיט דיינע קינדער אזוי ווי איך בין זיך נוהג מיט מיין קינד, אויך איך האב דאך קינד וואס טוט נישט מיין רצון, דאך בין איך זיך מרחם אויף אים, און איך געב אים אלץ וואס ער דארף.

און אויף דעם האט דער הייליגער רבי מאירל פרעמישלאנער געזאגט פשט אין פסוק 'ויצחק אהב את עשו כי ציד בפיו' יצחק אבינו האט פאראויסגעזעהן אז ס'וועט קומען א צייט ווען די אידן וועלן נישט טון דעם רצון ה' ווי עס בדארף צו זיין, ווי די חז"ל פארציילן (אין מסכת שבת דף פ"ט) דער אייבערשטער זאגט פאר אברהם אבינו,



שני דפים בכתב יד קדשו של הרה"ק בעל הבאר מים חיים זי"ע המעביר את נכסיו בחו"ל לבנ וביניהם בנו רבי קלמן ז"ל, לרגל עלייתו לארץ ישראל, בשלהי שנת תקע"ג

בניך חטאו, זאגט אברהם אבינו, ימחו על קידוש שמך, גייט ער צו יעקב אבינו, און זאגט אים בניך חטאו, זאגט אים יעקב אבינו דאס זעלבע ימחו על קידוש שמך, זאגט דער אייבערשטער 'לא בסבי טעמי ולא בדרדקי עצה'.

דאן וועגדט ער זיך צו יצחק אבינו און זאגט אים בניך חטאו, אבער יצחק אבינו לאזט זיך נישט, און טענה'ט כביכול מיטן אייבערשטן, דו זאגסט מיר 'בניך', זענען זיי דען נישט דיינע קינדער פונקט ווי מיינע, און דאן מאכט יצחק א גאנצער חשבון מיטן כביכול דעם אייבערשטן, ער רעכנט אויס וויפיל צייט א איד האט אין זיין לעבן, נאכן אראפ רעכענען אלע צייטן וואס דער מענטש דארף האבן פאר זיינע אייגענע הצטרכות'ן, און אויף די איבערגעבליבענע זאגט יצחק, לאמיר מאכן א שותפות פלגא עלי ופלגא עלך, און אויב דו ווילסט גארנישט נעמען אויף דיר, איך האב געגוג ברייטע פלייצעס צו נעמען אלעס אויף מיר אליין, ווייל איך האב מיר געלאזט שחט'ן פאר דיינעט וועגן. און דאס איז פשט אין פסוק ויאהב יצחק את עשו, האט ער דערפאר ליעב געהאט דעם עשו'ן, ווייל כי ציד בפיו, ווייל דורך עשו האט ער געהאט א שטארקע טענה אין מויל, אז אויך ער -יצחק- האט ליעב געהאט זיין קינד כאטש ער איז געווען עשו הרשע און האט נישט געטון זיין רצון, דעריבער האט יצחק געקענט מלמד זכות זיין אויף אידן. זיעועכי"א

# מדור רבותינו הקדושים זי"ע

**ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ ויבאו אחי יוסף וישתחוו לו אפים.**

ויוסף הוא הצדיק, ואמרו רז"ל (מועד קטן טז:) צדיק גוזר והקב"ה מקיים, הקב"ה גוזר, ויוסף, והצדיק מבטל, דכתיב (ש"ב כג ג) צדיק מושל בירא(ת) אלהים. לזה אמר הכתוב כאן 'ויוסף' צדיק הדור 'הוא השליט' וגוזר שיהיה לישראל בניי חיי ומזונא 'על הארץ' בעולם העשיה הזה. 'הוא המשביר' רצה לומר למה אמר לשון משביר, אלא אמרו רז"ל (פסחים קיח.) קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף.

לזה כשרוצה הצדיק להמשיך למטה לאיזה אדם השפעות הצריך לו מאד, אז צריך הצדיק לשבור דלתי נחשת עד שימשיך למטה לאדם הזה דייקא, לזה אמר 'הוא' הצדיק, 'המשביר' שישבר דלתי נחשת עד שמביא השפעות 'לכל עם הארץ', ואח"כ כשממשיך הצדיק לבני ישראל השפעות אז 'ויבאו אחי יוסף' אחינו בני ישראל של הצדיק, 'וישתחוו לו' להקב"ה 'אפים' בפנים מאירין מאירין בשמחת הלב. 'ארצה' אתוון אר"ץ ה' מלכות שמים, שיקבלו כולם עול מלכות שמים בשלימות גדול

(בן ביתי מהרה"ק רבינו אליעזר צבי מקאמארנא "זי"ע)

# א חסידישע מעשה אויף חנוכה

חנוכה אין מעזבוזש זענען זיך צוזאמגעקומען אלע חסידים אינעם רבינס הויז, דער צדיק רבי ברוכ'ל מעזבוזשער, אייניקל פונעם הייליגן בעל שם טוב. דער רבי האט געצינדן דעם ערשטן ליכטל, געזאגט די 'הנרות הללו', און אין צימער איז געווען אורה ושמחה, ביז...

ביז פלוצלינג, נאך בלויז א האלבע שעה ברענען און דאס גלעזעלע אויל איז נאך געווען כמעט פול, און פאר די שטוינענדע אויגן פון די חסידים, איז די שיינע פלעמלע פלוצים פארשוואונדן געווארן. פאר עטליכע מינוט האט עס זיך געראנגעלט פאר איר לעבן, און דאן איז עס פארשוואונדן געווארן. פשוט אזוי. עס האט זיך נישט פארלאשן, נאר פארשוואונדן געווארן.

די חסידים האבן נישט געוואוסט וואס דאס מיינט. זיי האבן אלע געקוקט אויפ'ן רבי'ן. זיי האבן געוואלט זען וויאזוי דער רבי רעאגירט. אבער רבי ברוכ'ל איז געזעסן פארזינקען אין זיינע הייליגע מחשבות. ווען דער שמש האט געוואלט צוריק אנצינדן דעם ליכטל, האט דער רבי נישט מסכים געווען. ער האט געווארט עטליכע מינוט, און דאן ווייטער ממשיך געווען מיט די הייליגע זמירות. און אויב דער רבי פירט זיך אזוי, פאלגן די חסידים נאך, און אלע האבן מיטגעזינגען. נאכ'ן זינגען האט דער רבי געזאגט פאר די חסידים: "זארגט אייך נישט, אונזער ליכטעלע איז ארויס אויף א שליחות. זי וועט זיך באלד אומקערן"...

א ליכטעלע גייט ארויס אויף א שליחות, מאדנע, אבער נישט ביי די חסידים.

זיי האבן געוואוסט אז דער רבי ווייסט וואס קומט פאר, און אויב וועלן זייווארטן מיט געדולד, וועלן זיי אויך וויסן. רבי ברוכ'ל האט געפראוועט דעם טיש לכבוד חנוכה, מיט פרייליכע ניגונים און דברי תורה, און דער צייט איז געלאפן. עס איז שוין באלד חצות. פלוצלינג האט איינער פון די חסידים זיך אנגערופן: "רבי! די ליכטעלע האט זיך אומגעקערט!"

די ליכטעלע איז געווען דארט, אינעם מנורה, מיט א הערליכע שיין. די חסידים האבן זייער געוואלט וויסן וואס עס האט פאסירט מיט די ליכטעלע... עס איז אריבער א ווייַלע, און פונדרויסן האט זיך געהערט א גערויש פון א וואגן געשפאנט צו א פערד. א וואגן האט זיך אפגעשטעלט נעבן דעם רבי'נס הויז, און איינער פון די חסידים איז אריינגעקומען.

'ער זעט אויס שרעקליך!' האבן די חסידים באמערקט. זיי האבן געקענט דעם אריינקומענדן אלס א גרויסער חסיד. ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן, וועלכער האט ווארעם געדריקט זיין האנט, אים באגריסט מיט א 'שלום עליכם' און געזאגט: "דאוועט מעריב, צינד ליכט און דאן וועסטו זיך צו זעצן צו אונז."

הערשט דאן האבן די חסידים זוכה געווען צו הערן וואס האט פאסירט.

"מיט עטליכע טעג צוריק האב איך זיך געלאזט אין וועג צום רבי'ן," האט דער חסיד געזאגט. "איך האב געוואלט אנקומען נאך בעפאר די ערשטע ליכטל. די וועטער אינדרויסן איז געווען זייער א שווערע, אבער איך - אנשטאט איך זאל איבערנעכטיגן דעם נאכט אין א גאסטהויז - בין ווייטער געפארן אויף ווען ס'איז געווארן פינסטער, כדי אנצוקומען וואס פריער."

"דאס איז געווען א גרויסע טעות פון מיין זייט," האט דער חסיד זיך צעקרעכצט. "איך בין אריבערגעגאנגען דעם טונקעלן וואלד און איך בין פארכאפט געווארן אין די הענט פון א רויבער וואס האט מיר אומגעווארפן, ער האט דורכגעזוכט מיין וואגן און האט גארנישט געפונען, און דאן האט ער מיר גענומען צו זיין הויפט. אזא איינער וועמען עס לוינט נישט צו באגעגענען אינמיטן נאכט, און אפילו נישט בייטאג. דער הויפט-רויבער האט מיר אויסגעפארשט און געוואלט וויסן פארוואס איך האב זיך געוואגט דורכצופארן בייניכט אין דעם וואלד. ער איז געווען זיכער אז איך האב געוואלט פארדינען אסאך געלט. 'וואו איז דאס געלט' האט ער פארלאנגט איינמאל און נאכאמאל. און איך, וואס האב איך שוין געקענט זאגן, נאר דעם אמת. איך האב אריינגעכאפט מכות. און דאן האבן זיי מיר איינגעשפארט אינעם קעלער, וואו איך בין פארבליבן א גאנצע נאכט און אויך צומארגענס. בעפאר די שקיעה איז דער הויפט-רויבער אריינגעקומען און האט ווידער פרובירט ארויסצובאקומען פון מיר די אינפארמאציע איבער דעם אוצר וואס עקזיסטירט בכלל נישט, איך האב אים ווידער דערציילט פארוואס איך בין ארויסגעגאנגען, ווי שטארק איך האב געוואלט קומען צום רבי'ן און צו די חסידים, ווי חשוב עס איז פאר מיר צו זיין דא אינאיינעם, ספעציעל אין יום-טוב.

"און דאן האב איך באמערקט אז דער הויפט-רויבער איז געווארן פארטראכט. עס זענען אריבער עטליכע מינוט, און ער האט זיך אויפגעשטעלט און מיר געזאגט: 'מיר וועלן דיר שטעלן אויף א פארהער, זען צי דו זאגסט אמת. די וואלד, ווי דו פארשטייסט, איז פול מיט וועלף און אנדערע חיות. מיר וועלן דיר באפרייען, און דיר ערלויבן צו גיין. דייו האפענונג איבערצולעבן אין דעם וואלד יעצט ביינאכט, איז כמעט אוממעגליך. ביסטו גרייט אז מיר זאלן אויספרובירן דיין אמונה אין דעם רבי'ן פון וועמען דו רעדסט?. איך בין גראדע זייער דערשראקן געווארן האט דער חסיד זיך מודה געווען. אבער איך האב זיך בארואיגט און געטראכט אז דער באשעפער וועט רחמנות האבן אויף מיר, און איך האב מסכים געווען. און דאן האט מיר דער הויפט-רויבער איבערראשט. ער האט מיר געזאגט: 'אויב וועסטו אנקומען בשלום ביז צו דעם אריינגאנג קיין מעזבוזש, זאלסטו אריינווארפן דייו פאטשיילע אין דעם קוואל וואס לויפט נעבן שטאט. מיינע מענטשן וועלן מיר דאס ברענגען, אויב ס'וועט זיין דארט...'

"און ער האט געזאגט נאך עפעס: 'אויב וועט אזוי זיין, וועל איך איבערלאזן דעם באנדע און זיך אומקערן צום ריכטיגן וועג' איך האב אזוינס געציטערט," זאגט דער חסיד, "איך בין ארויף אויף מיין וואגן און זיך געלאזט אין וועג אין דעם טונקעלן נאכט. דער וועג איז באגלייט געווארן מיט קולות פון וועלף, און מיין פערד האט זיך עטליכע מאל דערשראקן און אפגעשטעלט. אבער דאן האט פלוצים אויפגעבליצט א ליכטיקייט אינמיטן דער טונקעלער וועג, און זיך געשטעלט פאר'ן וואגן. די פערד האט אנגעהויבן נאכגיין דעם פלעמל, און אלע חיות רעות וואס זענען געווען אין וואלד זענען זיך צולאפן זעענדיג דעם ליכטיגן שיין. א גאנצע וועג האב איך געדאוונט, געזאגט תהלים, ביז איך בין אנגעקומען צו דעם קוואל הינטער'ן שטאט, איבער וועלכע דער הויפט-רויבער האט גערעדט. איך האב אריינגעווארפן מיין פאטשיילע, און איך האף אז דער הויפט-רויבער האט עס געטראפן און איינהאלטן זיין צוזאג וואס ער האט מיר געגעבן, זיך אומצוקערן צום ריכטיגן וועג.

# מדור חידות והיכי תמצא

א. ער איז אוועק אן א חתימה, אבער יעצט האט ער שוין א חתימה, אבער זיי האבן שוין פון פריער געהאט זייערע חתימות, און אויך יעצט זענען זיי דא מיט זייערע חתימות.

## חידה ופתרונה

ווי טרעפן מיר א רמז -דורך א חידה- דאסווארט חנוכה אין פרשת מקץ וועלכער געפאלט אום חנוכה

**קח מציאת יוסף אל בגדי יוסף ומחיר יוסף אל תוספת יוסף ותמצא חנוכה**

נעם מציאת יוסף דאס מיינט די אותיות ח"ן, ווי דער פסוק זאגט וימצא יוסף 'חן'. מחיר יוסף, מיינט דער אות כ' ווי דער פסוק זאגט אז מען האט פארקויפט יוסף פאר עשרים כסף. אל בגדי יוסף, די בגדי יוסף זענען שש, ווי דער פסוק זאגט וילבש אותו בגדי שש, און ש"ש טייטשט זעקס, דאס איז דער אות 'ו', אל תוספת יוסף, מיינט דער אות ה' וואס יוסף האט צובאקומען צו זיין נאמען, ווי חז"ל זאגן אין מס' סוטה (דף ל"ו ע"ב) אז מען האט אים מוסיף געווען דעם אות ה' צו זיין נאמען ער זאל הייסן יהוס"ף אזוי טרעפן מיר דא דאס ווארט חנוכה.........................................................................

## תירוצים לפרשת וישב

א. ווי טרעפן מיר די וואך אין די פרשה, אז דריי צדיקים זענען געשטראפט געווארן מדה כנגד מדה.

יעקב האט נישט געזען יוסף'ן צווי און צוואנציג יאר א קעגן די צוויי און צוואנציג יאר וואס ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב ואם, צוואנציג יאר איז ער געווען ביי לבן, און נאך צוויי יאר אויפן וועג אוועק פון לבן.

(רש"י בראשית לז לד).

יוסף, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יוסף דו ביזט מסלסל בשערך, אני מגרה בך את הדוב וכו'.

(רש"י בראשית לט ו).

יהודה, צוליב וואס ער האט געהאט א חלק אינם 'ויקחו את כתנת יוסף וישחטו שעיר עזים ויטבלו את הכתנת בדם', דעריבער איז ער געשטראפט געווארן מיט די מעשה פון תמר ווי ס'שטייט 'וישלח יהודה את גדי העזים',

(רש"י בראשית לח כג).

ב. ווי איז מרומז די וואך אין די פרשה (וישב, וועלכער געפאלט אויך חנוכה), די מנורה פון חנוכה מיט אירע צוגעהערן.

הכר נא למי החתמת, מרמז על השמן של נרות חנוכה, שהיה חתם בחותמו של כהן גדול (שבת כא ע"ב), והפתילים מרמז על הפתילות של נר חנוכה, והמטה מרמז על הכלי של נר חנוכה, כידוע כי תיבת המט"ה עם הכולל גימטריא כל"י. פירוש, מהמצות נר חנוכה שאנו מקיימים כמצות רצונך הקדוש, היא ראייה מפורשת שאנחנו הולכים רק אחר רצונך.

(בת עין לחנוכה).

ג. ווען איז דא די לענגסטע בענטשן (ברכת המזון), און וועלכע הלכה (וועלכע איז נישט דירעקט פארבינדן מיט די פארלענגערטע ברכת המזון) טוישט זיך דאן צוליב די לאנגע ברכת המזון.

וכשמתחיל לברך נוטלו בימינו, ולא יסייע בשמאל. הגה: והיינו דוקא שלא תגע השמאל בכוס, אבל אם נותן השמאל תחת הימין לסייעה מותר. ומיירי בכוסות גדולות, או בראש חודש טבת שחל להיות בשבת.

(עטרת זקנים סימן קפג ס"ק ב).

# דערהויבענע חנוכה טעג בהיכל ישיבתינו הקדושה

די ימי חנוכה בהיכל ישיבתינו הק׳ זענען גאר לעכטיגע און דערהויבענע טעג, איין קייט פון התעלות פאר די בחורים וועלכע זענען זיך משלים בתורה ועבודה און ניצן אויס די ימי אורה אויף מער התמדה בלימוד התורה.

נאך פאר חנוכה האט דער חשובער מנהל שליט״א און די אנדערע רמ״י הישיבה שליט״א מעורר געווען און מחזק געווען די חשובע בחורים זיי זאלן זיך גרייטן מיט א געוואלדיגע קאך און הכנה דרבה צו די ליכטיגע ימי האורה וועלכע קומען לקראתינו לשלום.

עס האט זיך אנגעזען א ווארעמקייט אין היכל הישיבה צו די לעכטיגע חנוכה טעג, די בחורים האבן אויסגענוצט די לידיגע זמנים מיטן לערנען ספרי חסידות בעניני חנוכה וכדו׳.

באזונדער איז אין די ימי החנוכה יעדן טאג פארגעקומען א דרשה בעניני ימי האורה חנוכה.

מאנטאג האט דער חשובער מנהל שליט״א אויפגעטרעטן מיט א געוואלדיגע דרשה וועלכע האט אויפגעהויבן די בחורים.

דינסטאג איז ספעציעל געקומען הרב ר׳ חיים שלמה בערגער שליט״א אייניקל פונעם הייליגן שרף זי״ע ונכד צדיקי בית קאסאן וועלכע האט אויפגעטרעטן מיט מורא׳דיגע ווערטער בענין הלל והודאה, די ברכות האבן אנדערש אויסגעקוקט נאכן דרשה.

מיטוואך האט דער חשובער משגיח שליט״א געהאלטן א אינהאלטספולע דרשה פון וועלכע די בחורים האבן שטארק הנאה געהאט.

ווי אויך איז מיטוואך פארגעקומען א שיעור עיון בחינה וואס ווערט פארגעלערנט דורך הרה״ג ר׳ ישראל יששכר לייפער שליט״א, וואו ס׳האט זיך שטארק אנגעזען די התמדת התורה, ספעציעל פון די יעצטיגע חנוכה וואך בהיכל הישיבה.




## מדור מילתא דבדיחותא

מסופר שהרבי ר׳ העשיל בהיותו ילד קטן הציע המלמד להילדים שאם יאמרו חידה יפה לחנוכה אז יוכלו לילך הביתה בשעה מוקדם, והשיב הילד העשיל, כתיב הפח נשבר ואנחנו נמלטנו (תהלים קכ״ד ז׳) הפ״ח הם שמונים ושמונה, נשבר היינו נחלק לב׳, שהם ארבעים וארבע, והם ארבעים וארבעה הנרות שמדליקים בחנוכה, דהיינו ל״ו נרות חנוכה ושמונה נרות השמש לשמונת ימי החנוכה, ואנחנו הילדים נמלטנו הביתה לכבוד חנוכה.